STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02611

STALINS BUND MIT HITLERN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סטאַלינס בונד מיט היטלערן

ווער האָט אָנגעהויבן די מלחמה

האָט סטאַלין טאַקי געהאָלפן היטלערן

איז דער סטאַלין היטלער בונד
גוט פאַר אידן

איז טאַקי ניטאָ קיין אונטערשיד
צווישן די דעמאָקראַטיעס
און היטלעריזם

ווען, און וואָס האָט סטאַלין
פאַרראַטן

?

אַרויסגעגעבן פון
אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פאַרטיי
פועלי ציון-צעירי ציון

PRICE FIVE CENTS

National Office

POALE ZION ZEIRE ZION

275 SEVENTH AVENUE

NEW YORK, N.Y.

450

Printed in U. S. A.

נאָך חדשים פון סטראַשען איז היטלער איבערגעגאַנגען צו דער שרעקלאַכער טאַט: ער האָט אָנגעהויבן די מלחמה. שוין האָט ער אונטערגעצונדן פוילן און ווער ווייסט, ווי ווייט די שרפה וועט זיך פאַרשפּרייטן. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן געהאַלטן זייער צוזאָג צו פוילן און געענטפערט מיט אַ מלחמה דערקלערונג צום שטן פון אונזער צייט, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן, ווייל ער האָט זיך געזיכערט דורך אַן אָפּמאַך מיט סטאַלין.

די ידיעה טרייסלט אויף די וועלט

דער אָפּמאַך פון היטלער מיט סטאַלין איז דער ווענדפונקט אין דער געשיכטע. ווען עס איז אויף דער נאַכט פון דעם 21טן אויגוסט, געקומען די ערשטע ידיעה, אַז נאַצי דייטשלאַנד און סאָוויעטן רוסלאַנד גייען שליסן אַן אָפּמאַך, האָט די ידיעה געווירקט ווי אַ באָמבע. אַ באָמבע, וואָס איז געווען דער אָנזאָג פון די באָמבעס, וואָס האָבן זיך דערנאָך געשיט אויף פוילן, חרוב מאַכנדיק שטעט און פאַרניכטנדיק לעבענס.

ווען יענע ערשטע באָמבע, וואָס איז געווען נאָר אַ נאַכריכט, האָט געפּלאַצט, איז די גאַנצע וועלט געוואָרן פאַר אַ ווייל כמעט ווי פאַרשטיינערט. ווי קאָן עס דער מוח באַנעמען, אַז סאָוויעט רוסלאַנד, וואָס האָט די גאַנצע צייט גערופן צו אַ ווידערשטאַנד קעגן די אַגרעסאָרס, צום קאַמף קעגן די נאַציס, שטעלט אויף איינמאָל אָפּ דעם ווידערשטאַנד? ווי קאָן דאָס הארץ בלייבן אין אָרדנונג, ווען רוסלאַנד, פון וועמען מ׳האָט דערוואַרט הילף קעגן דעם תליון פון פעלקער, גיט גאָר צו מוט אָט דעם תליון? קיינער האָט ניט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך.

און פונקט אזוי האָבן די קאָמוניסטן ניט געוואוסט, אויף וואָס פאַר א וועלט זיי געפינען זיך.

צוערשט האָבן די קאָמוניסטן פאַרלוירן דאָס לשון. זיי זיינען געווען אזוי „פריטשמעליעט”, אַז זיי האָבן די גאַנצע ידיעה ניט געבראַכט. זיי האָבן ניט געעפנט דאָס מויל. געשוויגן האָבן די קאָמוניסטישע צייטונגען, די ענגלישע און די אידישע אָטאָדאָ, פונקט אזוי ווי די פראַנצויזישע אין פאַריז.

קאָמוניסטישע תירוצים

נאָך דעם שוויגן איז געקומען דאָס בארויקן. „ס'איז נאָך ניטאָ קיין אָפּמאַך, מ'ווייסט נאָך ניט, צי ער וועט צושטאַנד קומען. ס'איז נאָך ווייט דערפון”. דערמיט האָבן די קאָמוניסטן געפרואווט סיי פאַר זיך, סיי פאַר דעם עולם צו געפינען טרייסט אַקעגן דעם אומגלויבליכן.

דערפאַר איז אין דער זעלבער סדרה געווען א פרשה פון מינימיזירן, פון קלענער מאַכן דאָס מורא'דיקע. מען האָט געפרואווט איינרעדן זיך און אַנדערע, אַז עס איז „נאָר” א נישט-אָנגריפס-פאַקט, און אַז נישט-אָנגריפס-פּאַקטן קענען תיכף ומיד בטל ווערן, אויב איינער פון די צדדים מאַכט אַליין אַן אָנגריף אויף אַן אומשולדיקן לאַנד.

> „לויט יעדן ניט-אָנגריף פּאַקט קומט אויס, אַז אויב דער צווייטער צד פונ'ם פּאַקט וועט באַפאַלן אַן אַנדער מלוכה, איז דער פּאַקט בטל. דאָס הייסט, אַז דער סאָוועטן-פאַרבאַנד איז פריי צו פאַרטיידיקן דעם אָנגעפאַלענעם קעגן דער מלוכה, מיט וועלכער ער האָט פריער געהאַט א ניט-אָנגריף פּאַקט. דאָס איז ביים סאָוועטן-פאַרבאַנד ניט בלויז א פונקט אויף פּאַפּיר, נאָר אין דער פּראַקטיק.”

אַזוי האָט געשריבן די „מאָרגן-פרייהייט” אויגוסט דעם 24טן, (אַרטיקל פון מ. אָלגין.)

אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַנדערש און להיפוך צו די מערסטע רוסישע נישט-אָנגריפס-פּאַקטן האָט דער פּאַקט מיט היטלער'ן נישט קיין „עסקייפּ קלאָוז”; ער ווערט ניט בטל, אפילו ווען איין טייל פאַלט אָן אויף א דריט לאַנד.

דערפון איז געוואָרן קלאָר, אַז היטלער מעג איבערפאַלן פּוילן.

און פּונקט אַזוי האָט דאָס איינגערעדעניש, אַז עס איז נאָך ווייט פון אַ פּאַקט ניט געהאַט קיין קיום. צוויי טעג נאָך דער ערשטע ידיעה האָבן שוין סטאַלין און ריבענטראָפּ, היטלערס מיניסטער, זיך פריילאך געגעבן די הענט צו דעם פאַרענדיקטן שטיקל אַרבעט.

עס האָט געקענט גיין אַזוי גיך פון דער ערשטער ידיעה ביז צום אונטערשרייבן, ווייל אַלץ איז געווען צוגעגרייט פון פריער.

סטאַלינס דאָפּעל שפּיל

מיטן וויסן פון דער וועלט האָט סטאַלין געלאָזט פאַר־האַנדלען מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך; אָן דעם וויסן פון דער וועלט האָט סטאַלין געלאָזט פאַרהאַנדלען מיט נאַצי דייטשלאַנד. מיטן וויסן פון דער וועלט האָט סאָוויעט רוס־לאַנד גערופן צו ווידערשטאַנד קעגן די אַגרעסאָרס, צום קאַמף קעגן היטלער; אָן דעם וויסן פון דער וועלט האָט סטאַלין צוגעגרייט אַן אָפּמאַך מיט היטלערן, אָפּזאָגנדיק זיך פון ווידערשטאַנד, מאַכנדיק פריי דעם וועג פאַר דעם נאַצישן אַגרעסאָר.

פאַרוואָס האָט סטאַלין דאָס געטאָן, פאַרוואָס און צוליב וואָס — האָט זיך געפרעגט יעדער איינער.

די פאַרטעטער באַשולדיקן אַנדערע

די פאַרטיידיקער פון סטאַלין ענטפערן, אַז ער האָט אין דער אמת׳ן טאַקע געוואָלט אַ בונד מיט ענגלאַנד און פראַנק־רייך קעגן די אַגרעסאָרס, אָבער ניט טשעמבערליין אין ענגלאַנד, נישט דאַלאַדיע אין פראַנקרייך און ניט די פּוילישע רעגירונג, האָבן אַזאַ בונד געוואָלט ערנסט, אַז זיי זיינען עס די שולדיקע, וואָס ס׳איז ניט געקומען צו קיין רעזולטאַט. זיי טענה׳ן אויך, אַז טשעמבערליין האָט נאָך אַלץ געקלערט וועגן „אַפּיזמענט" און האָט בדעה געהאַט מקריב צו זיין

פוילן אזוי ווי ער האָט פריער מקריב געווען טשעכאָסלאָוואַקיע, בקיצור, אַז ער האָט זיך געגרייט צו אַ צווייטן מינכען.

ווייסן מיר טאַקע, אַז אַזוי לאַנג ווי ליטווינאָוו איז געווען מיניסטער אין סאָוויעט רוסלאַנד, האָט ער זיך געסטאַרעט צו דערפירן צו אַ בונד קעגן די אַגרעסאָרס, אָבער טשעמבערליין האָט דעמאָלט ניכער געוואָלט „אַפּיזמענט”. אָבער אין ענגלישן פאָלק האָט די „אַפּיזמענט” פּאָליטיק פאַרלוירן אַלץ מער באָדן און די ענגלישע עפענטלאַכע מיינונג האָט פאַרלאַנגט אַ בונד מיט סאָוויעט רוסלאַנד, גלויבענדיק באמונה שלמה, אַז סאָוויעט רוסלאַנד מיינט עס ערנסט. אַזוי זיינען צושטאַנד געקומען די ענגליש־רוסישע פאַרהאַנדלונגען. עס מעג זיין אַז טשעמבערליין מיט זיינע פריינט און העלפערס זיינען ניט תיכף געווען אַזעלכע שאַרפע בעלי־תשובה, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין, אַז אויך ניט אין דער דרינגלאַכקייט און ניט אין דער ענערגיע, וואָס די אויפגאַבע האָט פאַרלאַנגט, האָבן זיי באַוויזן די נויטיקע שטאַטסמענישקייט. אָבער אויב דאָס קען באַרעכטיקן אַ קריטיק פון טשעמבערליין, קען עס ניט באַרעכטיקן סטאַלינ׳ס איבערלויפן צום שונא. אפילו ווען טשעמבערליין האָט ניט גענוג שטאַרק אויסגעשטרעקט די האַנט צו סטאַלין — האָט דערפאַר סטאַלין באַדאַרפט געבן די האַנט צו היטלער׳ן? אויב טשעמבערליין האָט ניט פאַרשטאַנען, דורך אַ שנעל געשלאָסענעם אָפּמאַך צו זיכערן דעם פרידנס־פראָנט, דעם אַנטי־אַגרעסאָרס פראָנט — האָט דערפאַר סטאַלין געמעגט ברעכן דעם פראָנט? טשעמבערליין האָט זיך געקווענקלט, סטאַלין איז געווען ענערגיש: ער האָט פאַרלאָזן דעם פראָנט.

דערפאַר טאָר מען ניט מישן די פרשיות: מען מעג קריטיקירן טשעמבערליין; אָבער דערמיט שאַפט מען ניט אָפּ פון דער וועלט סטאַלינ׳ס טאַט. סטאַלינ׳ס טאַט, זיין פאַקט מיט היטלער, איז דער פאַרראַט פון דער פּאָליטיק פון אַנטי־אַגרעסיע.

סטאַלין מאַכט אַפּיזמענט און מלחמה אינאיינעם

אויב טשעמבערליין האָט פאַראיאָרן געמאַכט אַפּיזמענט מיט היטלער, אַזוי האָט איצט סטאַלין געמאַכט אַפּיזמענט מיט היטלער, אַפּיזמענט פאַר זיך און מלחמה פאַר אַנדערע.

אַפּיזמענט איז ניט „פּיעס”, ניט שלום. עס מיינט דרייערליי זאַכן:

1. אַז אַ גרויסע, שטאַרקע מלוכה פאַרשטענדיקט זיך מיט דעם אַגרעסאָר, גיבנדיק אים אַ פרייען וועג;

2. אַז געצאָלט ווערט מיט דער פרייהייט פון אַ קלענערן, שוואַכערן לאַנד;

3. אַז ניט די פאַרשטענדיקונג, ניט דער באַצאָלטער פּרייז שאַפן שלום.

פאַראיאָרן האָט טשעמבערליין אַהיים געבראַכט אַ שטיק פּאַפּיר מיט היטלער'ס אונטערשריפט; ער האָט געבראַכט פאַר אַ קרבן טשעכאָסלאָוואַקיע, אָבער מינכען האָט קיין שלום ניט געשאַפן, נאָר פאַרשאַרפט די סיטואַציע.

דאָס יאָר האָט סטאַלין געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט היטלער. דער קרבן הייסט פּוילן.

פאַראיאָרן האָט טשעמבערליין גערעכנט, אַז ער וועט מיט דער אַפּיזמענט אויסמיידן אַ מלחמה מיט נאַצי דייטש־לאַנד, איצט מיינט סטאַלין, אַז ער וועט פאַר רוסלאַנד אויס־מיידן אַ מלחמה מיט נאַצי דייטשלאַנד. צוליב דעם שליסט ער אָפּמאַכן מיט דעם אַגרעסאָר.

ווי לאַנג וועט דער אָפּמאַך געדויערן? לויט'ן אינהאַלט צען יאָר. אָבער אפילו ביים קבלת פּנים פון ריבענטראָפּ אויגוסט דעם 23טן אין מאָסקווע, ווען עס האָבן געפלאַטערט די פאָנען מיט דער סוואַסטיקאַ, פאַרדעקט מיט אַ וואַנט פון די אויגן פון די רוסישע אַרבעטער, האָט ניט ריבענ־טראָפּ, ניט סטאַלין, אפילו אויף אַ מינוט געגלויבט, אַז דער אָפּמאַך וועט אויסלעבן זיינע יאָרן.

היטלער האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט פּוילן אויף צען יאָר. היטלער האָט אים געהאַלטן, ווי לאַנג ער האָט אים געדאַרפט. אָבער איצט האָט דער אָפּמאַך היטלער'ן ניט געשטערט צו איבערפאַלן פּוילן. און אַזוי איז עס מיט אַלע אַנדערע אָפּמאַכן. מינכען האָט געדויערט קוים אַ האַלב יאָר. דערנאָך האָט היטלער פאַרכאַפּט דעם ריין סלאַווישן טייל פון דער פריערדיקער טשעכאָסלאָוואַקיע. ווער ווייסט, צי וועט דער אָפּמאַך פון היטלער מיט סטאַלין געדויערן אפילו אַזוי לאַנג?

דער אָפּמאַך איז דער סיגנאַל צו דער שחיטה פון פּוילן

אָבער וויכטיקער ווי דער אינהאַלט און די אָפּגערעדטע דויער פון'ם אָפּמאַך איז דער עצם פאַקט פון שליסן אַן אָפּמאַך אין אַ באַשטימטן היסטאָרישן מאָמענט. נאָר וועגן דעם האַנדלט עס זיך ביי היטלער'ן. דערפון ציט ער פּראָפיט. און דעם גרעסטן פּראָפיט האָט היטלער איצט גענאָסן. ווען די גאַנצע וועלט האָט געוואַרט געשפּאַנט און אומגעדולדיק אויף אַ גוטער בשורה, אַז סאָוויעט רוסלאַנד קומט צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט די דעמאָקראַטישע מלוכות, האָט היטלער זי איבערראַשט מיט דער ידיעה, אַז סאָוויעט רוסלאַנד האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אים, היטלער'ן, דעם שר פון גהינום. דערפאַר האָבן אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן געלאָזט זינקען דעם קאָפּ, בעת די נאַציס זיינען געוואָרן באַרוישט פון פרייד און גליק. און זיי, די נאַציס, האָבן געוואוסט פאַרוואָס זיי זיינען פול ששון ושמחה.

היטלער האָט סטאַלינען פאַרויס אינפאָרמירט

דער פאַקט מיט סטאַלינען האָט פאַר היטלער'ן געמאַכט פריי דעם וועג אָנצופאַלן אויף פּוילן. דעם 31טן אויגוסט האָט דער העכסטער סאָוויעט באַשטעטיקט דעם פאַקט און אין וויניקער פון אַ מעת לעת האָט היטלער אָנגעהויבן זיין

מלחמה קעגן פוילן. מיט דייטשער פינקטלאכקייט איז אפילו די מינוט פעסטגעשטעלט געוואָרן פון היטלער'ן אליין: דעם 1טן סעפטעמבער פארטאָג, זייגער 5 מיט 45 מינוט, איז ער אריין אין פוילן.

דער סאָוויעטישער פארלאמענט האָט באשטעטיקט דעם פאַקט און דאָס איז געווען דער סיגנאל פאר היטלער'ן, אז ער מעג אָנצינדן די מלחמה שרפה.

ווי אזוי די קאָמוניסטן אליין פארדאמען ניט ווילנדיק — זייער סטאלין

די קאָמוניסטישע טענה, אז דער אָפּמאך וועט דינען דעם שלום, איז סיי ווי נאָר געווען א פרואוו צו פארדעקן דעם שלעכטן געוויסן. ווי האָט דער אָפּמאך געקענט דינען דעם שלום ווען ער איז געווען באשטימט א סוף צו מאכן צו די פארהאנדלונגען וועגן אן אנטי־אגרעסאָר פראָנט? א פיינער שלום אינסטרומענט, וואָס היטלער האָט אויף אים געוואַרט, כדי אָנצוהייבן די מלחמה!

אָבער מ'טאָר ניט פארגעסן, אז די היגע קאָמוניסטן האָבן גע'טענה'ט, אז דער אָפּמאך וועט דינען דעם שלום. אזוי האָבן זיי טרומייטערט ביז די קאַנאָנען האָבן אָנגעהויבן דונערן. אויף דער פראַגע צו בראוודער'ן, סעקרעטאר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי:

„צי ער האַלט ניט, אז דאָס וואָס מען אונטערהאנדלט וועגן דעם אין איצטיקן מאָמענט איז אן אויסערגע־וויינלאכע זאך?"

„יאָ, האָט בראודער געענטפערט — אין דעם איצ־טיקן מאָמענט וועט עס זיין א גרויסעביישטייערונג פאר'ן פרידן".

(מאָרגן פרייהייט, אויגוסט 24)

גוט בייגעשטייערט!

נים ווייניקער טשיקאווע איז דער ארגומענט, אז היטלער איז געצוואונגען זיך ווענדן צו די סאָוויעטן. אודאי, אודאי. שרייבט פ. נאָוויק אין דער מאָרגן פרייהייט:

„פונקט 8 — די רעגירונגען פון די ביידע צדדים פונ'ם אָפּמאַך זאָלן פון היינט אָן כסדר שטיין אין באַראַטונג צווישן זיך, כדי צו האַלטן איינער דעם אַנדערן אינפאָרמירט בנוגע פראַגן פון געמיינזאַמען אינטערעס.

„דער פונקט איז איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע!

„מען שרייט, אַז אין דעם אָפּמאַך איז נישט פאַראַן דער פונקט פון אַנדערע נישט-אָנגריף אָפּמאַכן, וואָס דער סאָוויעטן-פאַרבאַנד האָט געשלאָסן, און דאָס איז, אַז אין פאַל ווען דער אַנדערער צד גרייפט אָן אַן אַנדער לאַנד, ווערט דער אָפּמאַך בטל. אין געוויסע אָפּמאַכן (כאָטש נישט אַלע, ווי די קאַפּיטאַליסטישע פרעסע גיט צו) איז אַזאַ פונקט דאָ. נו, דער פונקט דריי באַזאָרגט עס.

גיט אַ טראַכט, דייטשלאַנד מוז אינפאָרמירן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד וועגן אירע פּלענער. פּלאַנעוועט היטלער אָנצוגרייפן אויף אַן אַנדער לאַנד — מוז ער עס לאָזן וויסן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד! און דעמאָלט וועט דער סאָוועטן-פאַרבאַנד קענען האַנדלען.”

(מאָרגן-פרייהייט, אויגוסט 25. אַרטיקל פון פ. נאָוויק)

די „מאָרגן-פרייהייט” און נאָוויק זיינען גערעכט, אַז דער פונקט איז איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע. אַזוי ווי דער אָפּמאַך גילט ווייטער, הייסט עס היטלער האָט אינ־פאָרמירט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז ער פּלאַנעוועט אָנצו־גרייפן פּוילן! האָט ער געלאָזט וויסן דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מסכים געווען! די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן!

היטלער דערמוטיקט — שלום דערהרגעט

עס איז אַ מאָדנער אַרגומענט צו זאָגן, אַז אַדאַנק דעם פאַקט קען סאָוויעט רוסלאַנד בלייבן אָפּגעהיט פון דער מלחמה. ערשט אַדאַנק דעם פאַקט האָט דאָך היטלער גע־קראָגן דעם קוראַזש אָנצוהויבן די מלחמה. אָן דעם פאַקט האָט ער מורא געהאַט. ווען סאָוויעט רוסלאַנד וואָלט געהאַט אַ בונד מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָלט ער זיכער נים

געוואגט אַנצוהויבן אַ מלחמה און אפילו אַן אַזאַ בונד וואָלט ער מסתמא אויך געהאַט די זעלבע מורא, ווייל ער וואָלט געציטערט פאַר דער מעגלאַכקייט פון אַזאַ בונד.

ווען סטאַלין וואָלט זיך ניט צוגעאײַלט, ווען ער וואָלט ניט קודם געהיים פאַרהאַנדלט מיט היטלער'ן און דערנאָך עפּענטלאַך זיך אויסגעלאַכט און געלאָזט היטלער'ן זיך אויסלאַכן פון די דעמאָקראַטישע מלוכות, ווען ער וואָלט וועניגסטנס אויסגעהאַלטן און צוגעוואַרט, געוואַרט און ניט אויסגעשטרעקט היטלער'ן אַ שטיצנדע האַנט אין סאַמע ברען פון דער אַנטשיידונג, וואָלט היטלער'ס האַנט שלאַף געוואָרן. אָבער סטאַלין האָט זי געשטאַרקט. מיט דעם פאַקט האָט סטאַלין געגעבן היטלערין פולע פרייהייט. היטלער האָט די פרייהייט באַנוצט אָנצוצינדן די מלחמה שרפה.

פאַרשטאַרקונג פון היטלערים פּאָזיציע אין דייטשלאַנד

די קאָמוניסטן טענה'ן, אַז דער אָפּמאַך וועט העלפן דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט און דייטשן פאָלק, זיך באַפרייען פון היטלער.

ס'איז אמת, אַז אין דייטשן פאָלק איז פאַראַן אומצופרידנקייט מיט היטלער'ן, כאָטש מען קען דאָ ניט וויסן ווי ברייט אָדער ווי טיף די דאָזיקע אומצופרידנקייט איז. אָבער זי האָט ניט באַקומען קיין גרעסערן פאַרנעם, ווייל די אומצופרידנקייט פון אינעווייניק איז יעדעסמאָל געוואָרן איבערגעוואויגן דורך היטלערס נצחונות פון דרויסן. נייע מאַכט אין דער וועלט, נייע פּראָווינצן, נייער גלאַנץ — דאָס האָט היטלער געבראַכט צו די דייטשן. אַז די גאַנצע וועלט בויגט דעם קאָפּ פאַר דעם דיקטאַטאָר, האָט אויך דאָס אייגענע פאָלק זיך געמוזט בוקן. צום ערשטן מאָל האָט אַצינד געקענט זיין אַ געלעגנהייט, אַז דער דיקטאַטאָר זאָל זיך מוזן בויגן פאַר דער וועלט. די רעגירונג און דאָס פאָלק אין ענגלאַנד, אַזוי גוט ווי אין פראַנקרייך, האָבן אײנאײנעם מיט פּוילן זיך אַקעגנגעשטעלט היטלער'ס פאָדערונגען. ער האָט ניט

געקענט אהיים ברענגען קיין דייטשלאנד אויף א טעלערל א נייעם טריאומף אן א שאס. די איינציקע ברירה, אויב ער זאל ניט פארלירן זיין פרעסטיזש און דערמיט מאכן די אומצופרידנקייט אין דייטשן פאלק שטארק און ווירקזאם, האט געהייסן מלחמה. און פאר מלחמה האט היטלער גע־ציטערט, אזוי לאנג רוסלאנד האט געקענט אינאיינעם מיט ענגלאנד און פראנקרייך ווערן זיין שונא. עס האט אים געדראעט די סכנה פון אונטערגעבן זיך אויף דעם אינטער־נאציאנאלן געביט; דערפון וואלט ארויסגעוואקסן א ווידער־שטאנד אויך אין דער היים. איז סטאלין געווארן דער בא־פרייער — ניט פון דייטשן פאלק, נאר פון היטלער און זיין רעזשים. נאך דעם פאקט מיט מאסקווע האט היטלער זיך געלאזט וואוילגיין מיט דער מלחמה.

אבער צי וועט ניט די מלחמה אויפוועקן אין דייטשן פאלק א רעוואלוציאנערן גייסט? געווים דעמאלט, אבער נאר דעמאלט, ווען היטלער׳ס ארמייען וועלן האבן א מפלה אויפ׳ן שלאכטפעלד. אבער אין פוילן האבן זיי אפגעהאלטן א שנעלן און גרויסן זיג, און אט די טריאומפן אין דער פרעמד גיבן די נאצים כח אין דער היים. אזוי איז עס תמיד אין דער געשיכטע. טיראנישע רעגירונגען פארלירן זייער מאכט אין דער היים, ווען זיי זיינען געשלאגן אויפין פרעמדן שלאכטפעלד, און ניט, ווען זיי זיגן דארט.

דער קאמוניסטישער ארגומענט אז

ס׳איז גוט פאר אידן

תיכף האבן די קאמוניסטן טרומייטערט, אז פון דעם פאקט קומט ארויס גוטס פאר די פעלקער, גוטס פאר אידן. די „מארגן־פרייהייט" פון אויגוסט דעם 26טן (ארטיקל פון מ. אלגין) האט אויסגערעכנט בלעריי גליקן, וואס דער פאקט ברענגט. א באזונדערער קאפיטל איז געווען: „בעסערע אויסזיכטן פאר אידן".

צוערשט האָבן זיי גע'טענה'ט, אַז דער פאַקט באַזייטיקט די מלחמה סכנה און אַזוי וועלן דריי־און־אַ־האַלב מיליאָן אידן אין פוילן געראַטעוועט ווערן מיט זייער לעבן און זייער האָב און גוטס. קען מען דען טאָן אידן אַ גרעסערע טובה?

דאָס איז געווען דער טרויעריקער גייסט פון מינכען. זיי האָבן געמיינט, אַז פוילן, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן נאָכגעבן היטלער'ן, וויבאַלד סטאַלין האָט צוגעלעגט אַ קנייטל. ווען דאָס צווייטע מינכען וואָלט אויסגעפירט גע־וואָרן, וואָלט דערוויייל ניט געווען קיין מלחמה, דאָס הייסט טאַקע נאָר דערווייל ניט, עס וואָלט נאָר זיך איבערגע'חזר'ט אין דער אָדער אַן אַנדער פאָרם מעשה טשעכאָסלאָוואַקיע, און אידן, 3 און אַ האַלב מיליאָן אידן אין פוילן וואָלטן געגאָסן דעם „שלום" און דאָס „גליק" פון אידן אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע.

אַז פאַר אידן אין פוילן האָט געקאָנט אַרויסקומען גוטס, נאָר ווען די אַנטי־היטלער כחות וואָלטן היטלער'ן אָפּגע־שראָקן און איינגעשפּאַרט דער וועלט אַ צווייטן מינכען און אַ צווייטע וועלט מלחמה, דעם אמת האָט סטאַלין צעבראָכן און די קאָמוניסטן מוזן דעם אמת אונטערדריקן.

אָבער דער סטאַלין פאַקט האָט היטלער'ן קיין נייעם מינכען ניט געבראַכט, ער האָט אים אָבער געגעבן די פריי־הייט און דעם מוט אַריינצומאַרשירן קיין פוילן. אין צוויי וואָכן איז די העלפט פוילנ'ס לאַנד באַזעצט און חרוב געוואָרן פון די נאַצי באַרבאַרן; די שטעדט, וואָס האָבן איבעראַל (אַ חוץ פוזין) גרויסע צאָלן אידן זיינען צושאָסן און צושטערט; וויפיל פרויען און קינדער עס זיינען דער'הרג'עט געוואָרן, האָט נאָך קיינער ניט געציילט. אין קאַרגע צוויי וואָכן האָבן די אידן אין פוילן אינאיינעם מיט אַלע איינ־וואוינער און מער פון זיי געהאַט צרות און פורעניות, וואָס וואָלטן געווען גענוג פאַר צענדליקער יאָרן. אַט וואָס פאַר אַ גוטס עס איז אַרויסגעקומען פאַר אידן.

אָבער פעלן דען ביי קאָמוניסטן ארגומענטן? וויפיל איר ווילט. למשל:

„דורך דעם איצטיקן דייטש-סאָוועטישן אָפּמאַך וועגן ניט-אָנגריף, וועגן ניט מלחמה, האָבן די נאַציס פאַרלאָרן דעם אַרגומענט און אויסרייד קעגן די אידן, וואָס זיי האָבן די גאַנצע צייט געגרייט. דער אויסרייד, אַז די דייטשע אידן זיינען כלומרשט קאָמוניסטן און סאָוועטישע שפּיאָנען, קאָן מער ניט גילטן. און אַ נייעם אויסרייד, וואָס זאָל זיין אַזוי ברייט פאַרשפּרייט, איז איצט ניטאָ קיין צייט צו שאַפן. איז עס „גוט פאַר אידן, צי שלעכט”? אַן צווייפל איז עס „גוט פאַר אידן".

„פון דעם שטאַנדפּונקט — ווי האַלט עס מיט דעם סאָוועטישן-דייטשן ניט-אָנגריף אָפּמאַך? איז ער אַן עלעמענט פון שלום, אָדער אַן עלעמענט פון קריג?

„מען דאַרף זיין אָדער אַ משוגענער, אָדער אַ קריגס-פּראָוואָקאַטאָר, כדי צו דערוועגן זיך זאָגן, אַז דער באַשלוס פון די צוויי לענדער ניט אָנצופאַלן איינער אויפ'ן אַנדערן, באַדייט מלחמה.”

„אָבער ערשטנס איז אַן אָנפאַל פון היטלער'ן אויף פוילן און רומעניע (וואָס וואָלט זיך נאַטירלאַך, זייער שווער אָפּגערופן אויף די דאָרטיקע אידן) הייננט ניט גרינגער און ניט וואַרשיינלאכער איידער נעכטן. אויב עס זאָל זיך האַנדלען וועגן היטלער'ס פאַרלאַנג צו פירן די מלחמה, וואָלט די מלחמה שוין לאַנג געפלאַקערט. אויב אָבער עס האַנדלט זיך וועגן די מעגלאכקייטן פאַר אים צו פירן אַ מלחמה קעגן פוילן און רומעניע, זיינען די דאָזיקע מעגלאכקייטן איצט קלענער — און דאָס איז זיכער „גוט פאַר אידן”!

(מאָרגן-פרייהייט אויגוסט 26—אַרטיקל פון משה כץ)

אודאי: אויב היטלער וועט אידן און אויך קאָמוניסטן באַהאַנדלען אויף זיין שטייגער, וועלן זיי אים זאָגן, אַז דאָס איז קעגן די דערוואַרטונגען סיי פונ'ם סטאַלין פאַקט און סיי פון דער „מאָרגן פרייהייט”. זאָל אונז איצט גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד!

צו זאָגן, אַז דער פאַקט האָט קלענער געמאַכט די מעגלאכקייט פון דער מלחמה אין אַ מאָמענט ווען די גאַנצע וועלט האָט שוין געוואוסט, אַז איצט קען נאָר אַ וואונדער היטלער'ן אָפּהאַלטן פון דער מלחמה, דאָס וואָלט „אַ משוגענער אָדער אַ קריגס-פּראָוואָקאַטאָר” ניט געזאָגט. דאָס קענען נאָר זאָגן מענטשן, וואָס ווייסן, אַז—„ס'איז גוט פאַר אידן.”

ווי איז ערשט געוואָרן גוט פאַר אידן, ווען היטלער האָט נאָך צוויי וואָכן שוין ניט געהאַט קיין שטאָך ארבעט אין פוילן, ווייל רוסישע ארמייען האָבן ביי אים אָפּגענומען די ארבעט!

און אידישע קאָמוניסטן פרעגן צי איז עס ניט גוט פאַר אידן, וואָס אַן ערך די העלפט פון די 3 און אַ האַלב מיליאָן אידן פאַרבייטן היטלער'ן אויף סטאַלין.

אודאי איז זייער לעבן ארויסגעראַטעוועט געוואָרן פון היטלער'ן. וועגן פרייהייט, סאָציאַליזם, ציוניזם, פאַרבינ־דונג מיט אידן אין דער וועלט, מיט ארץ ישראל — ווער רעדט וועגן דעם, ווען מען האָט דאָס גליק, צו קענען פרעגן, צי איז ניט בעסער ביי סטאַלין אײדער ביי היטלער? געוויס, אידישע נאַציאָנאַלע פרייהייט שפּילט ביי זיי ניט קיין ראָל. אין זייער לאַנד האָבן זיי דערשטיקט יעדע פרייהייט, מוז אויך זיין טויט די נאַציאָנאַלע פרייהייט פון אידישן פאָלק.

אָבער פאַרוואָס פרעגן זיי ניט, ווער עס האָט פאַר היטלער'ן פריי געמאַכט דעם וועג קיין פוילן? פאַרוואָס פרעגן זיי ניט, וואָס עס וועט איצט זיין מיט דער אַנדערער, ווי עס שיינט, גרעסערער העלפט אידן, וואָס פאַלן טאַקע אריין צו היטלער'ן? סטאַלין און היטלער האָבן זיך אויסגעג־גליכט: יעדער נעמט אָדער כאַפּט אַ העלפט פונ'ם באַזיגטן לאַנד, באַקומט יעדער במילא זיינע אידן. סיי פאַר סטאַלין, סיי פאַר היטלער זענען די אידן אַ צוגאָב צום גרויסן געווינס.

וואָס פאַר אַ באַליידיקונג, ווען קאָמוניסטן באַרימען זיך מיט דער „באַפרייאונג" פון איין העלפט פוילישע אידן, פאַרשווייגנדיק די פאַרשקלאַפונג פון דער צווייטער העלפט!

וואָס פאַר אַ שווינדל, צו רעדן נאָר פון די „אויסגע־לייזטע" און ניט פון די פאַרקויפטע?

פאַרראַט פונ'ם פוילישן פאָלק

פאַרקויפט איז קודם כל דאָס פוילישע פאָלק.

די פּלוצלימדיקע אַנטדעקונג, אַז פוילן איז געווען אַ רעאַקציאָנערע מלוכה, מאַכט די זאַך ניט בעסער. אודאי

ווייסן מיר, אַז פּוילן איז געווען רעאַקציאָנער. אָבער איידער סטאַלין האָט געשלאָסן דעם פּיינעם אָפּמאַך מיט היטלער, איידער די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט היטלער'ן פון אַ ווייטערדיקן קאַמף אין מזרח — איז דען פּוילן געווען אַנדערש? נו, רוסלאַנד איז דאָך שטענדיק גרייט געווען, צו פאַרטיידיקן פּוילנ'ס אומאָפּהענגיקייט. די היגע קאָמוניסטן האָבן דאָס אפילו נאָכ'ן אָפּמאַך איבערגע'חזר'ט.

דעם 23טן אויגוסט האָט די מאָרגן־פרייהייט געשריבן מיט קידוש לבנה אותיות:

„סאָוועטן פאַרבאַנד וועט ווייטער פאַרטיידיקן פּוילן, זאָגט אַמטער אין אינטערוויו פאַר דער ניו יאָרק פּאָסט". (אַמטער איז דער פּאַרזיצער פון די קאָמוניסטן אין ניו יאָרק).

דעם 7טן אויגוסט שרייבט אָלגין אין דער מאָרגן־פרייהייט:

„אַ צווייטע זאַך וואָס איר דאַרפט געדענקען: דער סאָוועטן-פאַרבאַנד, זייענדיק אַ ריזיקע מלוכה מיט גוואַלדאָווע קרעפטן, האָט קיינמאָל ניט געוואָלט קיין פרעמדע טעריטאָריע. ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן די מינדסטע נייגונג אויסצונוצן זיין איינפלוס אפילו אויף צוריקצוקריגן די לענדער, וואָס האָבן פריער געהערט צו רוסלאַנד: פּוילן, לעטלאַנד, עסטלאַנד, בעסאַראַביע, פינלאַנד."

צום סוף, בראַודער אַליין:

„מיר וועלן טאָן אַלץ וואָס אין אונזערע כחות צו העלפן פּוילן.

„אונזער פּאַרטיי און אירע מיטגלידער אַרבעטן האַנט־אין האַנט מיט יענע ברייטע קרייזן פון פּוילישע אַמעריקאַנער, וואָס טוען אַלץ וואָס זיי קענען צו העלפן זייערע ברידער אין פּוילן, פאַרטיידיקן איר אומאָפּהענגיקייט. מיר שליסן זיך אָן אין יעדן שריט, וואָס פאַרשפּרעכט צו העלפן אָנהאַלטן די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט פון פּוילן".

(מאָרגן-פרייהייט דעם 13טן סעפּטעמבער: בראַודער'ס רעדע אין מעדיסאָן סק. גאַרדען).

אָבער פון דעמאָלט איז אַוועק אַ לאַנגע, לאַנגע צייט, אַזש — פינף טעג, און סעפּטעמבער דעם 17טן איז די רוסישע אַרמיי אַריין קיין פּוילן.

סיי סטאַלין, סיי די קאָמוניסטן אין אַמעריקע ווייסן זייער גוט, אַז רעאַקציע איז איין זאַך און אומאָפּהענגיקייט אַ צווייטע. די ערשטע קאָן זיך לייכטן בייטן, אפשר ניט צו לייכט, אָבער זי איז פּאַרט אַן אינעווייניקסטער פּאָליטישער ענין פון׳ם „נאָרמאַלן לעבן”, וואָס קען אָבער ניט געבן קיין רעכט אויף דעראָבערונג דורך אַ פרעמדער מלוכה. אָבער דער תירוץ וועגן פּוילישער רעאַקציע איז אַ דעמאַגאָגישער שווינדל ניט בלויז דערפאַר, וואָס קאָמוניסטן האָבן אים אָנגעהויבן נוצן ערשט נאָך דער שענדלאַכער טאַט, מיט דער כוונה זי צו באַרעכטיקן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס דער נאַצישער דעראָבערער גייט דאָך פאַרבייטן פּאָליטישע רעאַקציע מיט אכזריות׳דיקער באַרבאַריי. און ווען היטלער האָט צו דעם צוועק אויסגעשטרעקט זיין בלוטיקע האַנט קעגן פּוילן, האָט רוסלאַנד די מערדערישע האַנט געשטאַרקט. און אַט דעם שאַנדפֿלעק וועלן די קאָמוניסטן מיט קיין שום קונצן ניט פאַררעדן.

מיר, אידן, האָבן פון דער רעאַקציע אין פּוילן געליטן מער פון אַלע אַנדערע און מיר קענען די ליידן ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. אָבער מיר אידן ווייסן אויך, וואָס עס מיינט, צו צושטערן די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט פון אַ שוואַך פאָלק.

און אגב האָט רוסלאַנד געהאַלטן, אַז די צעשמעטערונג פון פּוילן איז אַ פּאַסיקע געלעגנהייט פאַר אַן אַנדערן אייגעלעם צוועק: אויסצומעקן דעם לעצטן דיפּלאָמאַטישן רעשט פון דער אַמאָליקער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק; דאָס מאָל אפילו ניט אויסגעפינענדיק, אַז אויך דאָרט איז געווען רעאַקציע, נאָר פשוט כדי צו מאַכן אַ פריינטשאַפטס דינסט צו היטלער׳ן, הייסט מאָסקווע דעם אַמבאַסאַדאָר זיך זוכן אַ פּריוואַטע דירה און דערקלערט זיין אַמט פאַר געענדיקט. דער פאַרטרעטער פון דער טשעכאָסלאָוואַקיע פון מאַסאַריק און בענעש טרעט אָפּ זיין פּלאַץ פאַר דעם פאַרטרעטער פון היטלער׳ס סלאָוואַקיע.

אָדער אפשר איז דאָס גאָר ניט קיין פרעזענט פאַר היט־לער, נאָר א טייל פון׳ם ניט פובליקירטן קויף־און רויב אָפּמאַך?

די דעמאָקראַטישע טשעכאָסלאָוואַקיע איז שוין געווען אין היטלער׳ס תּפיסה, אָבער היינט האָט רוסלאַנד אויף א סימבאָלישן אופן צו וויסן געגעבן, אַז פאַר איר איז דער ענין טשעכאָסלאָוואַקיע פאַרענדיקט. אויב דאָס טשעכאָ־סלאָוואַקישע פאָלק מיינט אפשר, אַז מיט דער מלחמה איז געקומען די צייט אָראָפּצוואַרפן היטלער׳ס יאָך, זאָגט רוסלאַנד פאַרקערט: די מלחמה לעשט אויס דעם לעצטן אָפיציעלן זכר פון דער אַמאָליקער טשעכישער רעפּובליק.

דאָס פּוילישע פאָלק און דאָס טשעכישע פאָלק קענען זייער נאַציאָנאַלע פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט ווידער געווינען, אויב היטלער׳ס מאַכט ווערט צעשמעטערט. אָבער רוסלאַנד שטאַרקט היטלער׳ס מאַכט און שוואַכט אָפּ היט־לער׳ס שונאים, די דעמאָקראַטישע מלוכות.

רוסלאַנדס דרייפאַכע הילף פאַר היטלערן

מיר רעדן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאַר היינט.

היינט מאַכט סטאַלין פאַר היטלער׳ן לייכטער צו פירן די מלחמה אויף דעם מערב פראָנט. היטלער האָט אַן אָפּ־מאַך מיט סטאַלין, פאַרלאָזט ער זיך אויף סטאַלין, באַנוגנט ער זיך מיט האַלבער אַרבעט אין פּוילן און שיקט אַוועק זיינע דיוויזיעס פון פּוילן צום רהיין, קעגן פראַנקרייך און ענגלאַנד. דאָס איז — כאָטש אומדירעקטע און אפילו אָן א מיליטערישן בונד — מיליטערישע הילף.

א דאַנק דעם פאַרענדיקטן שטיקל אַרבעט אין פּוילן, פאַר־ענדיקט אין הסכם און מיט דער הילף פון רוסלאַנד, איז היטלער׳ס מאַכט אין דייטשלאַנד גופא ווידער געוואָרן גע־פעסטיקט און פאַרגרעסערט, וואָרום ער האָט אַהיים געבראַכט א נייעם נצחון.

לענדער און פעלקער אין אייראָפּע, וואָס זיינען אין הארצן שונאים פון היטלער, וואָס וואָלטן גיבער געגאַנגען מיט די מערב'דיקע דעמאָקראַטיעס, וואָס האָבן זיך אָבער געשאָקלט צוליב כמה טעמים, דער עיקר אוים מורא פאַר היטלער, זיינען נאָך מער איבערגעשראָקן. זיי קענען זיך ניט אוועק־שטעלן קעגן היטלער'ן. זיי ווערן דערוויטערט פון פראַנק־רייך און ענגלאַנד. שוין היינט, אַלזאָ, האָט רוסלאַנד גע־בראַכט היטלער'ן אַ דרייפאַכיקע הילף: פריי מאַכנדיק זיינע דיוויזיעס פאַר'ן רהיין, שטאַרקנדיק זיין פּאָזיציע ביים דייטשן פאָלק, און אָפּשוואַכנדיק די פּאָזיציע פון די דעמאָ־קראַטישע מלוכות ביי די קליינע פעלקער אין מזרח און דרום אייראָפּע.

און דאָ הויבט זיך אויף אַ מורא'דיקע פראַגע, וואָס מען ציטערט נאָך זי צו שטעלן קלאָר און שאַרף: וואָס וויל רוסלאַנד? וויל זי, אַז היטלער זאָל צושמעטערט ווערן אין דער מלחמה? אָדער איז עס פאַר רוסלאַנד קיין חילוק נישט, וועלכער צד עס געווינט? אָדער אפשר וויל רוסלאַנד גאָר ערנסט, אַז———? מען שרעקט זיך די פראַגע צו פאַרענדיקן.

די פּלוצלונגדיקע אַנטדעקונג, אַז ענגלאַנד איז אימפּעריאַליסטיש

דערווייל לאָזט סטאַלין די וועלט שטיין פאַר אַ רעטעניש וועגן דער ענדגילטיקער שטעלונג פון רוסלאַנד. אָבער אַזוי ווי היינט העלפט רוסלאַנד פאַקטיש היטלער'ן, האָבן די קאָ־מוניסטן געמאַכט אַ נייע ענטדעקונג: אַז ענגלאַנד איז אימפּעריאַליסטיש. אַפּנים פריער איז ענגלאַנד ניט געווען קיין אימפּעריע! אַפּנים די ענגלישע אימפּעריע איז ערשט באַשאַפן געוואָרן ווען סטאַלין האָט געמאַכט דעם פּאַקט מיט היטלער!

רוסלאַנד האָט תמיד גע'טענה'ט, אַז זי איז גרייט צו פאַרטיידיקן — דאָס רעאַקציאָנערע — פּוילן, צו קעמפן אויף איין זייט מיט — דעם אימפּעריאַליסטישן — ענגלאַנד אַקעגן

היטלער און היטלער דייטשלאַנד. אָדער עקזיסטירט אַזאַ גרייטקייט נאָר דעמאָלט, ווען פּוילן ווערט נישט באַפאַלן פון היטלער און ווען ענגלאַנד קעמפט נישט קעגן היטלער?

רוסלאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט פון קאַמף קעגן היטלער, האָט געשלאָסן פריינדשאַפט מיט היטלער, האָט פאַרראַטן די דעמאָקראַטישע מלוכות אַזוי ווי זי האָט פאַרראַטן דאָס פּוילישע פאָלק, און אָט דער פאַרראַט ווערט נישט לייכטער, נאָר מיאוסער דורך דער פאַרשפּעטיקטער ענטדעקונג, אַז ענגלאַנד איז אימפּעריאַליסטיש. צי זיינען אפשר ענגלאַנד און פראַנקרייך געוואָרן מער אימפּעריאַליסטיש, ווייל היט־לער האָט פאַרכאַפּט אַ העלפט פון פּוילן און סטאַלין די אַנ־דערע העלפט? ס'איז אומזיסט די אַרבעט, צו פאַרדעקן דעם דערשיטערנדן פאַקט, אַז רוסלאַנד האָט זיך געטאָן אַ דריי פון קאַמף קעגן היטלער צו פריינדשאַפט מיט היטלער. פון אַזאַ דריי מוז דער קאָפּ אָנהויבן צו שווינדלען. אָבער פאַרדרייט נישט אַנדערע קעפּ. פאַרדרייט נישט די פאַקטן, און פאַרדרייט נישט די ווערטער. זאָגט גיכער, אַז סטאַלין האָט געביטן די שטעלונג פון רוסלאַנד; אַז קאַמף קעגן היטלער איז נישט מער די קאָמוניסטישע פּאָליטיק. איר האָט מורא אויסצוזאָגן, אַז סטאַלין איז היינט אַ פריינט פון היטלער, אָבער דאָרט, וואו פאַקטן רעדן, זיינען ווערטער איבעריק. אָבער מאַכט אייך נישט תמ'עוואַטע, שטאַמלענ־דיק, אַז צווישן היטלער און טשעמבערליין איז נישטאָ קיין חילוק. קומט נישט מיט דער „וויסנשאַפט", אַז ס'איז אַן אימפּעריאַליסטישע מלחמה, אַז דערפאַר זיינען ביידע גלייך: דאָס דעמאָקראַטישע ענגלאַנד און דאָס היטלערישע דייטש־לאַנד.

אַ לאַנגע צייט זיינען זיי דאָך נישט געווען גלייך! איז דאָך פאַר רוסלאַנד, פאַר קאָמוניסטן, היטלער געווען דער שונא! אַ פראָנט קעגן היטלער, אַ פראָנט פון רוסלאַנד איינאיינעם מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, אַן אַנטי־אַגרעסיוו פראָנט, דאָס איז דאָך געווען די לאָזונג!

אָבער דער שפּיל וועט זיך נישט איינגעבן.

צוערשט האָט איר געפּריידיקט אַ פּאַראייניקטן קאַמף קעגן היטלער.

דערנאָך איז געקומען דער פּאַרראַט.

האָט איר געפּרואווט, דעם פּאַרראַט אַפּצולייקענען, טענה'נדיק, אַז איר „פּאַרטיידיקט" ווייטער פּוילן, אַז איר שטיצט דעם קאַמף קעגן היטלער.

אָבער דער פּרואוו האָט געפּלאַצט. איר זאָגט שוין נישט מער, אַז איר פּאַרטיידיקט פּוילן, אַז איר העלפט די דעמאָקראַטיעס. וואָס'זשע טוט מען פּאַרט? מען נעמט זיך פּאַרמיאוסן די דעמאָקראַטישע מלוכות. פּאַרמיאוסן די מלחמה קעגן היטלער. נעכטן, אַ הייליקע אויפגאַבע פּאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט, היינט אפילו נישט קיין שמעק טאַבעקע. „ס'איז קיין חילוק נישט!"

פאַר וועמען איז'קיין חילוק נישט?

פאַר וועמען איז קיין חילוק נישט? פאַר פּוילן איז קיין חילוק נישט, צי היטלער האָט אַ נצחון אָדער אַ מפּלה? פאַר'ן טשעכישן פאָלק איז קיין חילוק נישט, צי היטלער ווערט צושמעטערט און די טשעכישע רעפּובליק ווערט באַנייט צי נישט?

אָדער איז אפשר קיין חילוק נישט פאַר די מלחמה פירנדי־קע פעלקער? ווען היטלער זאָל חלילה זיגן, ווערט פרייהייט און דעמאָקראַטיע (לאָז זיין בורזשואַזנע דעמאָקראַטיע, אָבער ווי גוט האָבן קאָמוניסטן, פאָדערנדיק אַ פאַראייניקטן פראָנט, געוואוסט וואָס זי מיינט אין פאַרגלייך מיט היטלער'ס קאָנ־צענטראַציע לאַגער) חרוב, קודם כל אין פראַנקרייך און ענג־לאַנד, דערנאָך אָבער אויך אין אַלע אַנדערע קליינע לענדער, וואו דעמאָקראַטיע און פרייהייט לעבן נאָך.

עס וועט נאָך אויסקומען, אַז פאַר אידן איז קיין חילוק נישט! אָבער דאָס זאָגן די קאָמוניסטן נאָך נישט. „קיין חילוק נישט", וואָלט דאָך געווען אַן אפשוואַכונג, בעת זיי

האָבן אין משך פון עטלאכע וואָכן געשריען, אַז ס'איז „גוט פאַר אידן".

אָבער ס'איז גאָרנישט גוטיק, די פראַגע צו שטעלן. איז דען פאַראַן אַ איד, וואָס ווייסט נישט, ווער היטלער איז? דאַרף מען דען ווערטער אָדער איז דען מעגלאַך מיט ווערטער איבערצוגעבן, וואָס זיי פילן, ווען זיי הערן דעם נאָמען היטלער? ווייסט דען נישט יעדער איינער, אַז דאָרט וואו היטלער רעגירט, זיינען אידן הפקר: אָן כבוד און מענטש־לאַכער ווירדע, באַראַבעוועט פון זייער האָב און גוטס, גע־מאַכט צו בעטלערס און דערנאָך פאַריאָגט און פארטריבן.

אידן זיינען מער ווי אַלע אַנדערע געוואָרן אויפגעציטערט ווען זיי האָבן געהערט, אַז סטאַלין חבר'ט זיך מיט היטלער. פאַראַן אויך קאָמוניסטן, וואָס זיינען געוואָרן אויסער זיך און וואָס האָבן נישט געקענט איבערטראָגן דאָס חבר'ן זיך.

אידן ווייסן דערפאַר אויך, וואָס היטלער איז פאַר זיי און וואָס עס באַדייטן פאַר זיי דאָס היינטיקע ענגלאַנד און פראַנקרייך.

סטאַלין מעג פּראָקלאַמירן, אַז קאַפּיטאַליסטן שלאָגן זיך צווישן זיך און פאַר אים זיינען אַלע גלייך — פאַקטיש העלפט ער היטלער'ן — אָבער פאַר אידן זיינען זיי שוין גאָרנישט גלייך. פאַר אונז איז איין צד דער ברענענדיקער גהינום, דער צווייטער צד די לעבעדיקע ערד, מעג זיין די זינדיקע ערד מיט אַלע חסרונות, אָבער פאָרט די לעבעדיקע ערד. אונזער מוח ווייסט און אונזער האַרץ פילט וואָס אידן ווילן: ראַטעווען דאָס לעבן פון אידישן מענטשן, זיכערן דעם כבוד און די פרייהייט פון אידן און פון אידישן פאָלק.

די קאָמוניסטן וועט און טאָר זיך נישט איינגעבן, צו פאַראומרייניקן די אידישע הערצער, צו פאַרטומלען די אי־דישע מוחות, צו פאַרפירן אידישע מענטשן און זיי איינ־רעדן, אַז ס'איז קיין חילוק נישט צווישן ענגלאַנד און היט־לער־דייטשלאַנד. אַ נצחון פון היטלער וואָלט נישט נאָר די אידן אין די נייע היטלער לענדער געבראַכט צו דעם

טרויעריקן מצב פון אונזערע אומגליקלאכע ברידער אין דייטשלאנד און עסטרייך, אין טשעכאסלאוואקיע און פוילן, עס וואלט אפילו אין די אנדערע ערד טיילן אנטשטאנען די גרעסטע סכנה פאר אלע אידן. אויב היטלער וואלט — עס זאל נישט אויסגערעדט ווערן אין א בייזער שעה—פארנומען דעם ארט פון ענגלאנד, אויב היטלער־דייטשלאנד זאל ווערן די נייע וועלט אימפעריע, וואלט היטלעריזם און נאציזם געווארן די נייע „וועלט חכמה". פאר שוואכע פעלקער וואלט זיך געענדיקט די מעגלאכקייט צו פירן אן אייגן מלוכה לעבן, פאר אידן אפילו די מעגלאכקייט צו פירן א מענטשלאך לעבן.

וואס קארל מארקס האט געזאגט וועגן דעם הערשנדיקן קלאס, גילט אויך וועגן דער הערשנדיקער נאציע. אידן, וואס האבן נאכגעפאלגט קאמוניסטן, וואלטן אין דער גורל־שעה פונ׳ם גראנגעל צווישן דעם דעמאקראטישן ענגלאנד און דעם היטלערישן דייטשלאנד דערפאר באדארפט גוט באקלערן: די הערשנדיקע אידייען פון א באשטימטער תקופה זיינען די אידייען פון דער הערשנדיקער נאציע. ווי צו דער וועלט און ווי צו די אידן אויב היטלער־דייטשלאנד וועט ווערן די הערשנדיקע נאציע!

מיר האבן דא גערעדט וועגן זיך אליין, וועגן אידן. מיר האבן פריער גערעדט וועגן פוילישן פאלק, און וועגן טשעכישן פאלק. דער גורל פון אלע איז געווענדט אן דעם, צי היטלער וועט פארניכטעט ווערן, און דערפון איז אויך אפהענגיק דער גורל פון דער דעמאקראטיע און דער ציוויליזירטער וועלט. פראנקרייך און ענגלאנד זיינען די האפנונג פון די פראגרעסיווע מענטשן.

רוסישע פאליטיק — מלוכהשע מאכט־פאליטיק

אבער סטאלין לאכט זיך אויס פון אלע די זאכן. ער לאכט אפ פון א פאראייניקטן דעמאקראטישן קאמף פראנט קעגן פאשיזם. רוסלאנד פירט א מאכט־פאליטיק. בלויזע

מאכט־פּאָליטיק לאָזט צו אַ שותּפות מיט דעמאָקראַטישע לענדער פּונקט אַזוי ווי מיט פאַשיסטישע, ערלויבט צו פאַר־בייטן איינע אויף די אַנדערע.

בלויזע מאַכט־פּאָליטיק דערלויבט מקריב צו זיין אַ שוואַ־כע פּוילן, כּדי צו ראַטעווען אייגענע „בלוט ברידער", לאַכט אָפּ פון די שוואַכע, וואָס זיינען „נעביך" אָנגעוויזן אויף יושר.

דערפאַר ציטערן היינט קליינע מלוכות פאַר סטאַלין, נישט וויסנדיק וואָס ער וועט אויף זיי גוזר זיין — אַזוי ווי זיי האָבן נעכטן געציטערט און ציטערן היינט ווייטער פאַר היטלער'ן.

אָבער אויב אַזוי, איז דאָך רוסלאַנד אין איר באַציאונג צו פרעמדע פעלקער נישט בעסער ווי בורזשואַזנע מלוכות! פאַרקערט, זי באַמיט זיך צו זיין גלייך מיט די פאַשיסטישע מלוכות, און אָט דערין ליגט דער פאַרבאָרגענער סוד, פאַר־וואָס סטאַלינ'ס פּאַקט מיט היטלער'ן האָט אַזוי דערשיטערט נישט בלויז יענע, וואָס זייערע פּאָזיציעס זיינען אין תּיכף־דיקער סכּנה, נאָר אויך אַלע, וואָס האָבן אידייען און אידע־אַלן, חלומות און האָפנונגען פאַר אַ שענערער און בעסע־רער מענטשהייט. פאַרוואָס זאָלן מיר נישט מודה זיין? דער סאָציאַליזם וואָס איז געווען אַ קוואַל פון באַגייסטערונג, איז דורך דער מאָסקווער שאַנד־טאַט גאָר שטאַרק אָפּגע־שוואַכט געוואָרן. אַמאָל האָט אַ האָלענדישער סאָציאַליסט געזאָגט: „מיר זיינען אַ קליין פאָלק, אָבער מיר האָבן אַ גרויסן פאַרבינדעטן, דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם". ווען זיין שטאַרקייט איז אַוועק, האָבן אַ טייל זיך איינגע־רעדט, אַז רוסלאַנד, מעג זי ביי זיך אין דער היים זיין, ווי זי איז, וועט אָבער אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלן געביט אַרויסווייזן דעם כּח וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָ־ציאַליזם האָט צוגעזאָגט. פון זיין שטערן איז געפאַלן ליכט אויף רוסלאַנד. איז דאָס ליכט פאַרלאָשן געוואָרן און עס איז געוואָרן פינצטער. געבליבן איז די נאַקעטע מאַכט פּאָלי־

טיק פון רוסלאַנד, און די פאַרדעקטע טאַקטיק פון די קאָמוניסטן, וואָס טוען אַלץ וואָס סטאַלין הייסט.

עס עפנט זיך אַ פינצטערער תהום. שוין פריער, איידער רוסלאַנד האָט געמאַכט יד אחת מיט היטלער און איידער רוסלאַנד האָט געשפּילט אויף דער דעמאָקראַטישער סטרונע, ווען רוסלאַנד האָט געהאַט כלומרשט אַן אינטערנאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע ליניע, איז זי געווען גרייט, אויף דעם מזבח פון איר אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק צו פאַרברענען קליינע נאַציעס. שוין דעמאָלט איז רוסלאַנד געווען גרייט צו די מיאוסטע מעשים, און קאָמוניסטן זיינען געווען גרייט אויספירן די שענדלאַכסטע טאַטן. מיר קענען וועגן דעם אַ ליד זינגען.

דערמאָנט אייך אָן 1929

דעמאָלט האָבן אַראַבער געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אידן אין ארץ ישראל, און די קאָמוניסטן, אידישע קאָמוניסטן, האָבן זיך פאַרברודערט מיט די פּאָגראָמשטשיקעס. דעמאָלט האָט זיך פאַר רוסלאַנד געלוינט, צו זיין קעגן ענגלאַנד, קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם. איז דערפאַר ענגלאַנד׳ס ציוניזם געווען אין חרם און קאָמוניסטן זיינען געשטאַנען אין איין פראָנט מיט די מערדערס פון אידן אין ארץ ישראל. אָבער זיי האָבן געמאַכט אַ טעות, ווען זיי האָבן געמיינט, אַז דער ישוב, די נאַציאָנאַלע היים און די פריהייטס־באַוועגונג פונ׳ם אידישן פאָלק וועט זיך אונטערוואַרפן אונטער זייער טאַקטיק. אידישע סאָציאַליסטן און אידישע ראַדיקאַלן האָבן זיי דעמאָלט אָפּגעצאָלט מיט דער פאַראַכטונג, וואָס זיי האָבן כשר פאַרדינט. מיר האָבן ניט אויפגעהערט אויפצוקלערן אידישע אַרבעטער און אידישע אינטעליגענטן וואָס פאַר פּאָליטישע באַשעפענישן די קאָמוניסטן זיינען. דעמאָלט האָט רוסלאַנד אויסגעקליבן די אידישע פריהייטס באַוועגונג, אונזער נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל, פאַר אַ פּאַסיקן קרבן אין איר פּאָליטיק, און די קאָמוניסטן האָבן זייער טאַקטיק צוגעפּאַסט ביז צו אַ בונד מיט אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס.

אבער דעמאָלט איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז שטעלנדיק זיך קעגן דער פרייהייט פון אַ פאָלק, פאַרענדיקן זיך די קונצן פון קאָמוניסטישער טאַקטיק. דעמאָלט איז קאָמוניסטישע טאַקטיק געוואָריר געוואָרן, אַז אַ פאָלק שטעלט זיינע פאַר־רעטערס צום שאַנד־קלאָץ.

דעמאָלט האָט עס זיך געהאַנדלט „נאָר" וועגן אידן און אידישער פרייהייטס באַוועגונג, היינט איז קלאָר פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז רוסלאַנד האָט זיך פאַרבונדן מיט היטלער קעגן דער דעמאָקראַטישער וועלט, קעגן שוואַכע פעלקער, און די נייע באַרבאַרישע ליניע געאַרעמט מיט דער אַלטער טאַקטיק פון קאָמוניסטן, אַלצדינג צו באַרעכטיקן — דאָס איז קאָמוניסטישע פאָליטיק.

רוסלאַנד האָט געביטן איר אויסנפאָליטיק. דער אומבייט האָט אַ וועלט־פאַרנעם. אין סכנה איז די דעמאָקראַטיע פון דער וועלט, די נאַציאָנאַלע פרייהייט פון שוואַכע פעלקער, די צוקונפט פון אידן אין דער וועלט, די נאַציאָנאַלע צוקונפט פון אידישן פאָלק.

צי קען ניט רוסלאַנד ווידער אַמאָל בייטן איר פאָליטיק? אפילו ווען דאָס זאָל פאַסירן (כאָטש דערווייל זעט מען, אַז רוסלאַנד פאַרשטריקט זיך אַלץ מער און מער אין דער פריינטשאַפט מיט היטלער), אפילו ווען רוסלאַנד וואָלט צוליב אירע אייגענע אינטערעסן געביטן איר פאָליטיק, דער מאָראַלישער ווערט פון קאָמוניזם און פון די קאָמו־ניסטן קאָן ניט מער צוריקגעשטעלט ווערן. דער קאָמוניזם טאָר שוין מער ניט געווינען דערפון. צו אָפט און צו שטאַרק האָט ער באַוויזן, אַז ער איז גרייט מיט גוואַלד און שקר צו שטעלן זיך קעגן דעמאָקראַטיע, קעגן די נאַציאָ־נאַלע באַוועגונגען, קעגן דער אידישער פרייהייט, קעגן דער מענטשהייט.

שלום-וואָרט

ווען די בראָשורע איז געווען אין דרוק איז דער נאַצישער מיניסטער ריבענטראָפּ געפאָרן צום צווייטן מאָל קיין מאָסקווע. דערנאָך איז פארעפנטלאכט געוואָרן דער נייער סאָוויעט־נאַצי אָפּמאַך.

צווישן די פארשידענע פונקטן אין אָפּמאַך איז כדאי זיך אָפּשטעלן אויף פאָלגנדן: אין פאַל ענגלאַנד און פראַנקרייך נעמען ניט אָן דעם היטלער שלום, וועט זיך סאָוועט רוסלאַנד בעראַטן מיט דייטשלאַנד וועגן די ווייטערע שריט וואָס זיי וועלן אָננעמען. א חוץ דעם לאָזן די שותפים וויסן, אז סאָוועט־רוסלאַנד וועט שיקן היטלער'ן די נויטיקע סחורות און רוישטאָפן.

מיט פשוט'ע ווערטער הייסט עס, אז רוסלאַנד איז מודה פאר דער גאַנצער וועלט:

1) אז זי וויל ניט, אז היטלער זאָל פארלירן די מלחמה.

2) אז זי זאָגט זיך בפירוש אָפּ פון קאַמף געגן היטלער און זאָגט אים נאָך צו געוויסע הילף.

3) אז רוסלאַנד, וואָס האָט פאר אזא לאַנגע צייט קריטי־קירט די אפיזמענט פאָליטיק, דאָס נאָכגעבן היטלער'ן, פאַר־לאַנגט אצינד אָן אפיזמענט און א נייעם מינכען אין אזא פארגרעסערטן פאָרם, אז אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען פאַר־איאָרן איז אקעגן דעם פשוט א קינדער־שפּיל.

א דאַנק סטאַלין האָט היטלער אונטערגעצונדן די וועלט.

איצט איז סאָוועט רוסלאַנד גוזר אויף דער וועלט: אפּיזמענט אויף א גיגאַנטישן שטייגער מיט היטלער אַלס הערשער אין צענטראַל און מערב אייראָפּע. אויב ניט, דאַן אכזריות'דיקע

מלחמה קעגן די דעמאָקראַטיעס מצד היטלער מיט דער עקאָ־נאָמישער מיטהילף פון סאָוועט רוסלאַנד.

אויב סטאַלין האָט אויסגעביטן דעם קאַמף קעגן היטלער אויף הילף צו היטלער, האָבן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן טוענדיק דאָס אייגענע, אויסגעביטן זייער סימפּאַטי פאַר די דעמאָקראַטישע מלוכות אויף שנאה צו זיי.

אין סעפּטעמבער האָבן די קאָמוניסטן געשריבן:

„עס קען נישט זיין קיין פראַגע, ווען עס דאַרפן שטיצן די אידן פון אַמעריקע אין אַ מלחמה, וואו אויף איין זייט געפינען זיך היטלער׳ס באַנדעס, און אויף דער אַנדער זייט די אַרמייען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און פוילן.״

(מאָרגן פרייהייט, סעפּט. 3, אַרטיקל פון מ. אָלגין)

„מיר הערן, אַז דאָס איז אַ מלחמה פאַר דעמאָקראַטי. אין תוך איז עס ריכטיק. עס איז אַ מלחמה, נישט נאָר אָפּצושטעלן היטלער׳ן, נאָר אויך צו צושמעטערן דעם פאַשיזם. עס איז אַ מלחמה, אַרויסגערופן (פּראָוואָצירט) פון נאַציישער אַגרעסיע און זי מוז פאַרזיכערן אַ נייע אינטערנאַציאָנאַלע אָרדנונג, וואו אַזאַ אַגרעסיע וועט מער ניט זיין מעגלאַך. דאָס זענען די דעמאָקראַטישע, די פּראָגרעסיווע צילן, וואָס ליגן אין עצם פון דער סיטואַציע.״

(מאָרגן פרייהייט, סעפּט. 5, אַרטיקל פון מ. אָלגין)

מ׳דאַרף אָט די ווערטער גוט געדענקען:

נאָך אָנהויב סעפּטעמבער ווען די מלחמה האָט שוין גע־בושעוועט, איז פאַר אָלגין און דער „מאָרגן פרייהייט״, פאַר די אַמעריקאַנער אידישע קאָמוניסטן געווען קלאָר, ווען עס דאַרפן שטיצן די אידן אין אַמעריקע, דעמאָלט האָבן זיי נאָך זייער גוט געוואוסט דעם חילוק צווישן היטלער׳ס באַנדעס און די דעמאָקראַטישע אַרמייען; דעמאָלט האָבן זיי אַליין בפירוש דערקלערט,

1) אַז די מלחמה איז אַרויסגערופן פון נאַצישער אַגרעסיע.

2) אַז די מלחמה דאַרף אָפּשטעלן היטלערן און צושמעטערן דעם פאַשיזם.

3) אַז עס האַנדעלט זיך וועגן דעמאָקראַטישע און פּראָג־רעסיווע צילן.

איצט אָבער ווען היטלער'ס באַנדעס קריגן עקאָנאָמישע הילף פון רוסלאַנד, ווען סטאַלין האָט אַנדערע דאגות ווי צו צושמעטערן היטלערן, ווען די דעמאָקראַטישע פּראָגרעסיווע צילן ווערן פון רוסלאַנד ניט געשטיצט נאָר באַקעמפט, טוען די היגע קאָמוניסטן דאָס זעלבע וואָס סטאַלין טוט. אַלץ וואָס זיי האָבן פריהער געזאָגט פאַרלייקענען זיי. יעדער פריערדיקער אמת ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שקר.

די גרעסטע זאָרג פון די קאָמוניסטן איצט איז, אַז אַמעריקע

„זאָל ניט אַריינגעצויגן ווערן אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער שטיצע און סימפּאַטיע."

(פון בראַודער'ס רעדע, מאָרגן פרייהייט, אָקט. 4)

וואָס איז דער זין פון די דאָזיקע ווערטער?

די אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג איז צוטיילט וועגן דער שטעלונג וואָס די רעגירונג דאַרף נעמען צו דער מלחמה אין אייראָפּע. איין טייל גלויבט, אַז אַמעריקע דאַרף זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו געבן די אַליאירטע דעמאָקראַטישע לענדער עקאָנאָמישע הילף און שטיצע — אַ צווייטער טייל איז קעגן דעם. אָבער אפילו די לעצטע באַמיען זיך צו אונטערשטרייכן, אַז די סימפּאַטיעס פון אָנשטענדיקע מענטשן קענען זיין בלויז אויף דער זייט פון די וואָס קעמפן קעגן דער נאַצישער בעסטיאַליטעט. אפילו הואווער, דער באַוואוסטער פירער פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי איז געגן ענדערן דעם איצטיקן נייטראַליטעטס־געזעץ — ער געפינט אָבער פאַר נויטיק צו אונטערשטרייכן זיין שנאה פאַר דעם היטלער־רעזשים און זיין סימפּאַטיע פאַר ענגלאַנד און פראַנקרייך. אָבער ביי די קאָמוניסטן איז שוין אפילו פאַרבאָטן בלויז צו סימפּאַטיזירן מיט דעם דעמאָקראַטישן צד אין דער מלחמה. פאַר זיי זיינעןביידע צדדים גלייך. זיי ווילן, אַז אונז זאָל ניט אַרן אויב אין דער דאָזי־

קער מלחמה וועט היטלער׳ן געלינגען ארויפצוליינן זיין בלוטיקע האנט אויף גאנץ אייראפע און דער וועלט.

און בעת סטאלינ׳ס חסידים רופן אמעריקאנער בירגער, אז זיי זאלן זיך היטן „נים אריינגעצויגן ווערן אין עקאָנאָמישער שטיצע און סימפאטיע״, טוט דער סאָוועטן־פארבאנד אלץ וואס ער קען כדי צו שטיצן איין צד — דעם היטלער צד.

אידן, סאָציאליסטן, פראָגרעסיווע מענטשן ווייסן ווי אפצושאצן דעם לעצטן פאררעט פון די קאָמוניסטן.

Jewish FRONTIER

LABOR ZIONIST

MONTHLY

PUBLICATION

מאָנאַט שריפט אין ענגליש

איבעראַל אַנערקענט אַלס די בעסטע און ערנסטע
אידיש-ענגלישע מאָנאַטשריפט

אַבאָנעמענט פרייז 2 דאָלאר אַ יאָר

●

LABOR ZIONIST HANDBOOK

אַנטהאַלט די געשיכטע, אויפגאַבן און צילן פון דער פועלי ציון
פּאַרטיי און די צווייגן און אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטיש-
סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

פרייז 75 סענט

אידישער קעמפער

וואָכנבלאַט פון פועלי ציון-צעירי ציון

אונטער דער רעדאַקציע פון

חיים גרינבערג

●

די איינציקע ערנסטע אידישע וואָכנשריפט אין אַמעריקע, וואו עס ווערן גרינטלאך און רעגעלמעסיק באַהאַנדלט די פראַגן פון ארץ ישראל אויפבוי, פון אידישן פאָלקס לעבן אומעטום און די סאָציאַלע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון אונזער צייט.

●